בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת חקת -בלק

### שנת תשפ"ו לפ"ק

נלקט משיעריו של
**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א**
רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

## צו הערן שיעורים

**אויף א דירעקטע ליין פון**
**מערכת קול לשון**

**אין ארץ ישראל – 073.321.1792**

**אין אמעריקא - 646.934.6134**

# פרשת חקת -בלק

בעזרת השם יתברך, מיר האלטן שוין פרשת חקת בלק, תשפ"ו. ברוך השם מיר די תושבי חוץ לארץ מאכן שלום מיט די תושבי ארץ ישראל.

מיר מאכן טאקע שלום, אבער מ'קען זאגן אז באמת איז עס נישט קיין גלייכע שלום. ווי נישט ווי דארט אין ארץ ישראל בלייבט איין סדרה, און דא אין חוץ לארץ האבן מיר צוויי סדרה'ס. אסאך מאל ווען ס'קומט צו מאכן שלום, וועט נישט אלעמאל זיין גראד פארביידע זייטן, ביידע זייטן דארף זיך בייגן. אין א געוויסע בחינה, כדי ס'זאל זיין שלום דארף יעדער זיין צופרידן, שלום איז די אותיות שם ל"ו, ל"ו איז צוויי מאל ח"י, ס'דארף זיין צוויי מאל חי. אבער מיט דעם אלעם, אז ס'דארף זיין אז יעדער זאל זיין צופרידן ווען מען מאכט שלום, גייט אסאך אויסקומען אז עס וועט נישט זיין אינגאנצן פערפעקט פאר יעדעם. מיר מאכן טאקע שלום חוץ לארץ מיט ארץ ישראל, אבער נאך אלץ בלייבט אז דא אין חוץ לארץ איז דא צוויי סדרה'ס און דארט אין ארץ ישראל איז דא נאר איין סדרה. פארשטייט זיך אז דאס איז נאר בדרך צחות.

די לעצטע פאר וואכן איז דאך אזוי געגאנגען, נאך דעם שבועות האבן מיר געהאט א יום טוב, און די תושבי ארץ ישראל האבן געהאט א שבת. "טוב מאד" זה יצר הרע. דאס אז עס דארף זיין אינגאנצן גוט, דאס איז די יצר

הרע. די יצר הרע האלט אז ס'דארף זיין אינגאנצן גוט. עס איז נאר גוט, ווען ס'איז אינגאנצן גוט, טוב "מאד" זה יצר הרע. "טוב" זה יצר טוב, די יצר טוב זאגט טוב, אפילו ס'איז נאר גוט, דאס איז די יצר טוב, אפילו עס איז נישט אינגאנצן פערפעקט איז אויך גוט. טוב מאד, ס'דארף זיין זייער גוט, זה יצר הרע. דאס איז די עצה פון די יצר הרע. און וואס טוט מען מיט די יצר הרע? מ'פאלגט אים נישט. אז די יצר הרע הייסט אז עס זאל זיין פערפעקט, זאגט מען אים פארפאקט, פערפעקט איז די אותיות פארפאקט. איך האב פארפאקט די פערפעקשאניזם.

אסאך טעראפיסטן זאגן אז עס איז היינט דא זייער אסאך חולי נפש, אונז זענען מיר אלע חולי נפש, ס'ווערט גע'פסק'נט אין די פוסקים אז מ'מעג היינט צוטאג מער הערן מוזיק אין געוויסע צייטן, ווייל מ'איז א חולי נפש. מ'מעג היינט צוטאג'ס מער הערן מוזיק מער ווי אמאל ווייל דאס בארואיגט, פארשטייט זיך יעדער איינער אויף זיין מדריגה. מ'האט שוין אסאך מאל נאך געזאגט פון די הייליגע ריזשינער זיידע זי"ע, וואס האט געזאגט אז פאר משיח וועט קומען, וועט אראפקומען א מחלה פון נערוועז אויף דער וועלט, עס וועט זיין אסאך נערוועזן ליידענדע. דער ריזשינער זיידע האט דאס געזאגט אין זיין צייט, היינט זעט מען שוין אז ס'איז אזוי, אסאך האבן צו טון מיט די נערוועזן איז מוכרח אז עס איז שוין משיח'ס צייטן. איינער אביסל מער, איינער אביסל ווייניגער, אבער אונז זענען אלע ליידער אנגעצויגן און דעפרעסט, אונז האבן ליידער אסאך פראבלעמען, אבער ברוך השם, מ'גייט זיך אן עצה געבן בסייעתא דשמיא, מ'גיי מיר זיך אריינווארפן אין לערנען. לערנען נעמט אוועק אלע פראבלעמען, יעדע פראבלעם וואס מ'האט, דורך דעם וואס מ'זעצט זיך לערנען, דאס נעמט אוועק אלע פראבלעמען.

ווער זאגט דאס? ר' שלמה'קע זעוויהיל'ער. ר' שלמה'קע זעוויהיל'ער זאגט, אז אזוי ווי מ'שרייבט אן פאר א מענטש ראש השנה, וויפיל פרנסה ער וועט האבן די קומענדיגע יאר ביז ראש השנה, אזוי אויך איז באשערט וויפיל עגמת נפש ער גייט האבן די קומענדיגע יאר, און וויפיל הנאה ער גייט האבן די קומענדיגע יאר. ער קען נעמען די עגמת נפש און אריינלייגן אין לערנען, וואס לערנען איז

געמאכט זיך צו מוטשען, און האבן עגמת נפש. יא, מ'זעצט זיך לערנען, פלוצלינג אלע פראבלעמען הייבן אריינקומען אין קאפ, אלע חשבונות פון במשך'ן טאג קומען אראף בשעת מ'זעצט זיך לערנען ביינאכט. אבער מ'כאפט נישט אז אסאך מאל דער אייבערשטער שיקט אריין אלע פראבלעמען בשעת מ'לערנט, און אז דורך דעם וואס מ'מאכט מיט בשעת'ן לערנען נעמט דאס אוועק די עגמת נפש וואס מ'האט במשך'ן טאג. אויב דו מוטשעסט זיך בשעת'ן לערנען נעמט דאס אוועק אלע פראבלעמען וואס דו האסט געהאט במשך'ן טאג, אלע די פראבלעמען גייען אוועק דורכ'ן לערנען.

ס'שטייט דאך "ובהם נהגה יומם ולילה". "נהגה" איז א לשון פון יגיעה, תורה איז געמאכט אז מ'זאל זיך מוטשען. יגיעת התורה, תורה קומט נישט פשוט און נאטורליך, תורה איז געמאכט אז מ'זאל זיך מוטשען. "ובהם נהגה יומם ולילה". אזוי אויך די יגיעת התורה, מאכט נגהי, נגהי איז א לשון פון אור. די נהגה פון לערנען, מאכט נהגי, מאכט אן אור פון די עגמת נפש פון במשך'ן טאג. אויב דו נעמסט דיין בלעטל גמרא וואס דו דארפסט קובע עתים לתורה זיין, און דו מאכסט אפ, אז דו גייסט זיך מוטשענען אין לערנען, דעמאלטס גייסטו זיך נישט מוטשענען אין אנדערע זאכן. די יגיעת התורה די נהגה, ברענגט די נגהי, וואס נגהי איז א לשון פון אור, מאי אור נגהי.

א איד מאכט אפ, זיין מוטשעריי דארף זיין אין ענינים רוחניים, איך גיי היטן די אויגן, זיצן און לערנען. ווי מיר האבן פריער געברענגט פון ר' שלמ'קע זעוויהיל'ער אז א מענטש קען אפמאכן ווי זיין עגמת נפש און זיין הנאה זאלן זיין. דאס הייסט, ער קען אויסשטעלן זיין לעבן. למשל, איך וויל מיך נישט מוטשענען אויף פרנסה, איך וויל זיין א עושר. איך וויל מיך נישט מוטשענען מיט מיינע קינדערלעך, איך וויל האבן אסאך נחת פון די קינדער. איך וויל האבן א טעם אין א דאווענען, און אזוי ווייטער. אדער איך קען אפמאכן אז איך וויל האבן הנאות גשמיות. ס'קומט זומער, איך גיי מיך אויסגעבן, א מענטש דארף האבן אביסל זיך אויסצולופטערן, אבער אלעס מיט א גבול. ער דארף וויסן ווי ער שטעלט זיך אפ, "גבול שמת בעל יעבורו" - דו לייגסט א גבול, דו ווייסט ביז

דא גיי איך, גבול מיינט א גרעניץ, א גרעניץ ביז דא גיי איך, "בעל יעבורו" - איך טו נישט קיין עבירות.

על כל פנים, ס'קומט זומער, זומער איז געמאכט זיך אויסלופטערן, אביסל גיין צו מנוחת הנפש, איך דארף אבער אויך וויסן אז איך בלייב א איד אפילו ווען איך פאר אין קאנטרי אויך, אז א איד מאכט אפ, אז זיין הנאה זאל זיין אזוי, נחת פון די קינדער? איך וויל אסאך נחת פון מיינע קינדער. איך וויל הנאה האבן פון א בלעטל גמרא. די הנאה פון א בלעטל גמרא קומט נאכן זיך מוטשענען, אבער איך קען פארשטיין זיך צו מוטשענען אויף א בלעטל גמרא. הנאה זאל זיין נחת פון די קינדער. איך וויל נישט האבן גשמיות מער וואס פעלט אויס, אבער די עצם גשמיות ווייקן אין תאוות, אויסוועבן. דו האסט א באשערטע הנאה צו זיין. וואס גייסטו עס נעמען אויף תאוות? נעם עס חלילה אויף נחת פון די קינדער. עס איז נישטא קיין גרעסערע הנאה ווי האבן נחת, וואוילע, זיסע, לעכטיגע קינדער. עז איז נישטא קיין גרעסערע הנאה פון דעם. און א מענטש קען דאס אליין אפמאכן.

דאס זאגט ר' שלמ'קע זעוויהיל'ער אזיווי' עס איז באשערט פאר א מענטש וויפיל פרנסה ער גייט האבן א יאר, און אויב גייט ער נעמען צופיל און ספענדן אויף שטותים, די זעלבע זאך איז וויפיל הנאות און עגמת נפש איז אויך באשערט. דו דארפסט אבער אפמאכן וואו דו גייסט לייגן די הנאות. וואו ווילסטו לייגן דיינע הנאות, דו ווילסט אז די הנאות זאלן גיין אין נחת פון די קינדער, אדער אין תאוות? ווער וויל דען נישט קיין הנאה פון נחת פון די קינדער? דו ווילסט אז די הנאות זאלן גיין אין תאוות חס ושלום? נו, וואס וועט זיין מיט נחת פון די קינדער? וואס איז דען נישט קיין בעסערע זאך ווי נחת פון די קינדער? יעדער האט הנאה פון נחת פון די קינדער.

מיטשעריי, מ'קען זיך מיטשען אין פרנסה. ס'שטייט "בזעת אפך תאכל לחם", בעצם שטייט אז מ'דארף זיך מיטשען. מ'האט אמאל געזאגט אז "בזעת אפך תאכל לחם", א מענטש וואס דו ווילסט אז ס'זאל זיין "תאכל לחם", דו ווילסט אז א מענטש וואס זיצט אין אפיס מיט די פיס ארויף און טוט גארנישט, ער זעט די רעזולטאטן פון פרנסה? ניין. א מענטש וואס ארבעט שווער

מיינט עס אז ער טוט עפעס פאר פרנסה. איינער האט א דזשאב, אפילו א בעל הבית פון א ביזנעס, ווי לאנג ער ארבעט שווער איז א סימן אז ער מאכט געלט, אז ער טוט עפעס. ווייל גיין ליידיג איז ענדזשוימענט, אבער ארבעטן שווער ברענגט געלט. על כל פנים, "בזעת אפך תאכל לחם". האסט א "בזעת אפך", דו מוטשעסט זיך אויף פרנסה, ס'קומט דיר אן שווער, דאס איז די סימן אז ס'גייט זיין "תאכל לחם". דאס איז א חיזוק פאר איינער וואס מוטשעט זיך אויף פרנסה.

אבער מ'קען זיך אין א וועג נישט מוטשען אויף פרנסה, מיט איין קביעות עתים לתורה. וואס זעסטו דאך אז תורה איז אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה. די תורה האט א קיום. ביי איינער וואס מוטשעט זיך אויף לערנען, די מוטשעריי, די "ובהם נהגה יומם ולילה", דאס ברענגט די הנאה וואס מאכט ליכטיג די גאנצע טאג, און אלע ענינים במשך דעם טאג ווערן ליכטיג. דורך דעם וואס א איד מאכט אפ, איך בין גרייט זיך צו מוטשען צו לערנען, קען מען איינלערנען. א מענטש קען אריבער גיין א גאנצן טאג מיט אזויפיל עגמת נפש'ן, ער מאכט אפ "מיין עגמת נפש זאל זיין לערנען". וואס לערנען איז געגעבן געווארן צו זיין מיט עגמת נפש, "והגית בו יומם ולילה", דאס דארף זיין מיט יגיעה, מיט עמלות, "ממית עצמו עליה", מען רעדט נישט פון שטארבן ממש, אבער מען רעדט וועגן א ביסל מוטשענען לערנען. קומט ער אלעס אפ מיט דעם איין בלעטל גמרא, איין קביעות עתים לתורה.

די וואך איז דאך די פרשה פון די באר, "עלי באר ענו לה", וואס איז דא א חלק וואס מ'האט געזינגען שירה אויף דעם, פאר מ'וועט אריינגיין אין די שירה חלק. איז דאך דא א ניגון, "על הסלע הך ויצאו מים". ס'שטייט נישט אין די וואכעדיגע סדרה די ווערטער. די ווערטער שטייט וואס מ'זאגט ווען מען בענטשט גשם אין תפילת גשם. איז דא א שיינע טייטש אויף דעם "על הסלע", עס איז א צווייטע נושא, אבער עס שטייט על סלע האך דו זאלסט האקן אויף די סלע. ס'שטייט דאך אז די יצר הרע איז נמשלה לאבן, אם אבן הוא נימוח, דו זאלסט האקן אויף דיין יצר הרע, "ויצאו מים".

איך האב יעצט געענדיגט זאגן, אז מ'גייט זיך בעזר השם זעצן

לערנען, אפילו אין זומער גייט מען מאכן קביעות עתים געהעריג, לאנגע שבת נאכמיטאגס, לאנגע זומער נעכט, בקיצור, לאנגע טעג, לאנגע נעכט, וויאזוי דו זאלסט עס אנגעקוקן. ס'איז דא אסאך צייט זומער, מער ווי א גאנץ יאר פון א געוויסע בחינה. די פרייטאג נאכמיטאג'ס, שבת נאכמיטאג, מ'האט מער צייט. על כל פנים, עס איז דא א לאנגע וועג אין קאנטרי, איז דא מער צייט, מ'קען הערן א שיעור און אזוי ווייטער.

איך האב פאריגע וואך נאכגעזאגט וירא מנוחה כי טוב, וירא מנוחה דו האסט מנוחה, אין טוב אלא תורה, ווען האסטו מנוחה? כי טוב ווען דו לייגסט דיך אריין אין תורה, און אזוי ארום און ארום האט מען מער צייט, דארף מען זיצן מער לערנען. און דורכדעם וועלן מיר האבן א רואיגע, געשמאקע זומער, און אלע אומרואיגקייטן וועלן אריינגיין אין די מלחמתה של תורה, אין זיצן און לערנען. קומט אויס, אז ווען מיר מאכן אפ אז מיר גייען בעזרת השם זיצן און לערנען, גייט זיין פאר אונז א רואיגע, געשמאקע זומער, און בעזרת השם וועלן מיר אויך האבן א רואיגע, געשמאקע לעבן, אזויווי עס שטייט "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה". עס איז אויך די זעלבע חשבון, ער לייגט אריין אלע עגמת נפש'ן, אלע מוטשענען, זיך צו מוטשענען און לערנען, אז מען מוטשעט זיך אין לערנען מוטשעט מען זיך נישט מיט אנדערע זאכן. אז ער מוטשעט זיך נישט מיט אנדערע זאכן, איז "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה", איינער וואס איז עוסק בתורה איז ער בן חורין פון אלע אנדערע זאכן, ווייל אלע עגמת נפש'ן, אלע פראבלעמען גייען אין לערנען.

שטייט אז דוד המלך האט געזאגט אז עס זאל נחשב ווערן תהלים כנגעים ואהלות. אז זאגן תהלים איז אזוי ווי מען לערנט נגעים ואהלות. אגב, שטייט אין הייליגן דברי חיים, אז אסאך מאל ווען א מענטש באגעגנט זיך מיט נעגאטיווע ווערטער אין תהלים, איז די נעגאטיווע ווערטער וואס ער באגעגנט זיך, איז דאס שלעכטס וואס איז אין א מענטש. א מענטש ווערט דערשראקן פון נעגאטיווע זאכן, נעגאטיווע מיינט שלילי, שלילי שרייבט מען ש-ל-י-ל-י, עס האט די אותיות "יש" די ערשטע אות מיט די לעצטע אות אויף די פארקערטע וועג, און אינמיט איז

די אותיות "ליל". און אסאך מענטשן וואס האבן א שליליות, זיי האבן א נעגאטיווע מחשבה, זיי טראכטן א מחשבה וואס באדערט זיי, א מענטש וואס איז אין א נעגאטיווע ספעיס, און טראכט אז יעדער איינער אין כלל ישראל איז לעכטיג, ער טראכט פון נעגאטיווע טאטס, אסאך מאל באדערט אים א מחשבה זרה, דער מענטש בייסט אריין אין אים, און ער זאגט אז דו ביסט אזוי, דו ביסט אפגעפרעגט אינגאנצן. עס זענען דא אסאך מיני אופנים וואס מחשבות זרות קענען באדערן פאר א מענטש.

אגב, דאס ווארט "באדער" האט די אותיות "בא'מצע ד'בריו ער". "באמצע דבריו" מיינט איך האלט אינמיטן א זאך. "באמצע דבר" ער האלט אינמיטן א תוספות א מענטש קען זאגן אז עס באדערט אים עפעס, געווענליך ווען א מענטש האלט אינמיטן עפעס טון הייבט אים אן באדערן עפעס, זאל דער מענטש זאגן באמצע דבריו איך האלט אינמיטן עפעס טון יעצט לאמיך אפ וואס באדערסטו מיר, ער געב דיך א וועק אויף, דערשרעק דיך נישט פון די באדעריי.

דאס ווארט באדער, האט כמעט די זעלבע אותיות ווי בראדער. בראדער מיינט א ברודער. און אזוי ווי אלע אידישע קינדער זענען אלע ברידער, איינס צום צווייטן. כלנו בני איש אחד נחנו, מ'איז אחים לצרה. ס'באדערט דיר עפעס, גיי רעד דיך אויס צו דיין ברודער, ער וועט דיר אוועקנעמען דיין באדעריי. ס'האט כמעט די זעלבע אותיות, ס'פעלט נאר א ר'. א ריש וואס ליגט אין בראדער. וואס איז די ריש? רייש איז מלשון פירש, פירש. הייב אן רעדן צו דיין ברודער, ער וועט דיר אוועקנעמען דיין באדעריי.

דאס ווארט באדער האט די אותיות אדער ב'. וואס הייסט אדער ב'? אסאך מאל ס'באדערט דיר עפעס, טראכסטו ס'באדערט מיר א', זאגט מען אדער ב', דאס וואס באדערט דיך איז אלף, אפשר איז דא א ב', אפשר דא א צווייטע זאך, א צווייטע הסבר פאר די זאך וואס ס'באדערט דיר. נישט אלעמאל וואס דיר באדערט מיינט אז דער פאקט איז אזוי. דער באדער זאגט אז דער פאקט איז אזוי. נעם דעם פאקט און פאק עס אוועק. נישט אלעמאל איז דער פאקט אזוי ווי ס'איז, אסאך מאל איז עס אן איינרעדעניש.

און דאס ווארט איינרעדעניש האט די אותיות איין רעד נישט. אויב די האסט אן איינרעדעניש, איין רעד, רעד דיך אויס צו איין מענטש, וועסטו זען אז עס איז נישט, ס'איז גענצליך א איינרעדנישט. צומאל דארף א מענטש טאקע וויסן צי עס איז אן איינרעדעניש, צי עס איז נישט קיין איינרעדעניש. גיי צו א מענטש וואס איז לעבן דיר, שעם דיך נישט, גיי צו אים פרעג אים: "ס'מאכט סענס?" איך טראכט אזוי און אזוי וועגן די און די נושא, עס קען זיין דברים בעלמא, קען זיין סתם א שמועס, ער האט געהערט עפעס אויף א האטליין, ער וויל מברר זיין צו ס'איז אמת, צו ס'מאכט סענס אדער נישט, ער האט געהערט א נייעס, צו סיי וועלכע זאך, צו ס'מאכט סענס אדער ס'איז אן איינרעדעניש. איך לערן אפ די זאך אזוי, איז עס ריכטיג די וועג וויאזוי איך לערן עס אפ, אז מ'לערנט אפ א זאך פאלש קען אויך זיין אן איינרעדעניש, מען דארף דאך מתפלל זיין אז מען זאל מכוון זיין די זאך אל האמת. על כל פנים, איינרעדעניש, איז די אותיות איין רעד נישט. רעד דיך אויס צו איין מענטש, וועסטו זען אז עס איז נאר אן איינרעדעניש!

די מחשבות נעמען אסאך מאל איבער די מענטש, עס קען אסאך אמאל זיך נעמען בוזשעווען די מחשבות, מחשבה, איז די אותיות "מוח שבו", אמאל דארף מען גיין מיט די חלק פון די מוח שבו. ס'מאכט סענס אדער מאכט עס נישט סענס, די באקאנטע ווארט אז מחשבה איז די אותיות "בשמחה". אז מ'איז בשמחה באדערן נישט קיין מחשבות. מחשבה, די אותיות "חשוב מה", חשוב מה, טראכט שוין, וואס איז עס שוין? חשוב מה, וואס איז עס שוין? חשוב מה, וואס איז עס שוין? על כל פנים, יא, ס'קען היינט פארגיין, א מענטש האט אזויפיל מחשבות, א גאנצע מלחמה פון מחשבות, איינס מיט די צווייטע. ס'איז דאך אסאך קאמפלעקס היינט אויך, מ'דארף אלעמאל דערגיין די זאך צו ס'איז ריכטיג אדער נישט ריכטיג.

על כל פנים אונז זענען פארפארן פון די נושא, לאמיר אריינלייגן דעם "אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה". מאכן א קביעות אין תורה, אפילו נאר זאגן די ווערטער. אין ברסלב האט מען געוואוסט אז מ'זאגט נאר די ווערטער פון די גמרא איז אויך גוט. א ברסלב'ער

קען מאכן א סיום הש"ס נאר אויף זאגן ווערטער. נו, ווערסטו זיין א ברסלב'ער אין איין זאך ס'איז נישט אפגעפרעגט, דו רעדסט צום אייבערשטן במשך'ן טאג, דו טוסט אלעס וואס ברסלב טוט בעיסיקלי. איין זאך קענסטו נישט טון, מען קען אריינגיין ברסלב ארויף, ברסלב אראפ. אבער וואס מיינט ברסלב? ברסלב מיינט אז מ'איז נאנט צום אייבערשטן, מ'רעדט א גאנצן טאג צום אייבערשטן. דאס זענען אלע אידן.

זיי קוקן עס אן אין א געוויסע צורה, יעדער איינער איז מודה היינט אז ס'איז נישט אפגעפרעגטע זאכן. איך זאג נישט יעדער איינער איז מודה, אבער ווי נישט ווי ס'איז דא געוויסע זאכן וואס זיי שיינען ארויס. און כלל ישראל דארף דאך האבן דאס היינט. וויאזוי קען מען לעבן אן רעדן צום אייבערשטן? פארוואס זאל איך נישט רעדן צום אייבערשטן? פארוואס זאל איך גיין צו א טעראפיסט? ס'איז דאך דא אסאך א בעסערע טעראפיסט. דער אייבערשטער איז דער בעסטער טעראפיסט.

איך האב אמאל געזאגט אז די ווארט "בארד", איז די אותיות "דבר א'". ביסט בארד, דבר א', רעד צום אייבערשטן. אדער דבר א' הייב אן מיט איין זאך, רעד צום אייבערשטן, מאך א קאנווערסעישאן מיט אים.

התבודדות איז נישט קיין זאך וואס ברסלב איז אויפגעקומען. דער בעל שם טוב האט שוין געהאלטן וועגן מאכן התבודדות, אסאך צדיקים האבן גערעדט דערפון. ברסלב האט געבויעט א מהלך, א געוויסע גרופע פון זאכן וואס זיי טוען, ווי רעדן צום אייבערשטן וכו', רבי נחמן האט געזאגט אז פאר משיח וועט קומען וועט יעדער איינער ווערן ברסלב'ע. נו, מ'זעט ווי נישט ווי געוויסע זאכן, קיינער זאל נישט אננעמען וואס איך זאג. אבער איך מיין די בחינה, איך מיין די נקודה שבו. מען זאל נישט אפטייטשן נישט ריכטיג וואס איך זאג.

על כל פנים, מיר געפונען זיך אין לעכטיגע סדרות, מ'קען רעדן, מ'קען זיך נישט אפשטעלן. זאל דער אייבערשטער העלפן, מיר זאלן זוכה זיין טאקע, די טעג וואס קומען, לעכטיגע טעג, יעדער זאל ממשיך זיין וואס איז געווען, און מ'זאל זיך נעמען פון יעצט און ווייטער, און בעזרת השם זאל מען אנקומען אסאך

ווייטער, און מיר זאלן האבן אסאך הצלחה, סיעתא דשמיא, א לעכטיגע, געזונטע, געשמאקע זומער.